שנה ד'
נומער 186
פרשת שופטים
תשפ"ג


# קרית ברסלב בלעטל



מוהרא"ש זי"ע מיט די תלמידים אין אומאן שנת תשמ"ד

מען גרייט זיך צום גרויסארטיגן נסיעה קיין

# אומאן ראש השנה תשפ"ד

היסטארישע מיטינג פון די גבאים אינערהאלב בתי מדרשים היכל הקודש - ג' ראה ▼



# קרית ברסלב בלעטל


**5** — וועלטליכע נייעס
99 יעריגע טראקינג קאמפאני באנקראטירט



**6** — שטעטל נייעס
סיום מסכת גיטין והתחלת מסכת קידושין



**7** — היכל הקודש נייעס
געפעפטן תלמוד תורה היכל הקודש אין בני ברק



**10** — געדאנקען
א שמועס צווישן צוויי אידן



**16** — מיט א טיפערן בליק
איין פאון קאלל



**26** — בילדער אפטיילונג
בילדער פון ארום די גאנצע וועלט אינערהאלב היכל הקודש





רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.



צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
**077-530-9648**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyoimiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
**845.379.1161** :רופט אדער הגהות רופט
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**212.444.9191** :קול ברסלב
**212.444.9169** :חיזוק פאר די אידישע שטוב


## זמנים
Liberty
שופטים ב' אלול תשפ"ג

הדלקת הנרות.........07:36
מוצאי שבת............09:05

**מנחה מעריב כי תצא ... 08:40**

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 18 | 70°/51° | | Showers |
| Sat 19 | 73°/54° | | Partly Cloudy |
| Sun 20 | 77°/58° | | Sunny |
| Mon 21 | 77°/58° | | Partly Cloudy |
| Tue 22 | 78°/59° | | Partly Cloudy |
| Wed 23 | 75°/58° | | Partly Cloudy |
| Thu 24 | 74°/56° | | Scattered Thunderstorms |
| Fri 25 | 70°/52° | | Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל־ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה נתנאל פארקאש הי"ו**
**וזוגתו זיסל תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגעל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו**
**וזוגתו סימא תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל, און זען אסאך נחת פון די קינדער.



# בריוו צו די רעדאקציע

## א דאנק פאר די פרויען ארטיקל

לכבוד די חשוב'ע מערכת פון די וואונדערליכע קרית ברסלב אויסגאבע.

איך וויל זיך זייער באדאנקען אויף די וואונדערליכע אויסגאבע וואס איר געבט ארויס מידי שבוע בשבוע.

איך ליין יעדע ארטיקל מיט דארשט און איך לערן ארויס זייער אסאך נקודות און א וועג אין לעבן פון די אויסנאם שיינע ארטיקלען. אייער שכר איז גרויס.

אזוי אויך מיינע טעכטער און מיין ווייב זענען זיך מחי' מיט די בלעטל און בפרט מיט די פרויען ארטיקלען פון די געלונגענע שרייבערינס.

איך וויל אייך זאגן אז זייט ענק האבן אנגעפאנגען ארייננצולייגן פרויען ארטיקלען אין די שיינע בלעטל האבן מיר אויפגעהערט ארייננצוברענגען צייטונגען אין אונזער הויז. די ארטיקלען - בפרט די ארטיקלען פון מרת פאפנהיים - זענען זייער אינטערעסאנט און גוט אראפגעלייגט אויף א וועג וואס יעדער קען ארויס נעמען זיינע שיינע נקודות. מיידלעך, יונגע און עלטערע פרויען.

ביטע איבערגעבן א יישר כח פאר אלע שרייבערס און שרייבערינס.

חזקו ואמצו.

גייט ווייטער אן מיט א שטארקייט.

## בריוו פון די מערכת

לכבוד אלע חשובע ליינערס.

עס איז נישט קיין סוד אז מיר טוען דאס נישט פאר ביזנעס, צו מאכן געלט דערפון, דאס איז בכלל נישט אונזער מטרה, מיר האבן נאר איין איינציגע מטרה פאר די אויגן, אז אידישע קינדער זאלן ווערן נאנט צום אייבערשטן, און כדי דאס זאל פארוויקליכט ווערן, דארף דאס קומען אויף א וועג פון א שיינע רייכע אויסגאבע. איינמאל ווערט מען נתעורר פון א ארטיקל, איינמאל פון א מעשה פון תפילה וואס מען שיקט אריין, איינמאל פון א נייעס און אפילו פון א בילד וועקט מען זיך אמאל אויף פון שלאף.

ווי איר זעט פרובירט מען יעדע מאל צו צולייגן נייע חידושים צום בלעטל כדי עס זאל מאכן מער געשמאקער און אינטערעסאנט פאר די ליינערס. יעצט פרייען מיר זיך צו מעלדן אז מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף גייען מיר צולייגן א נייע חידוש צום בלעטל, דאס איז "מעשיות פון תפילה פון פרויען". דאס וועט זיין נאך א רינגעלע צום שיינעם אפטיילונג וואס איז שוין יעצט דא אינעם בלעטל.

אלע חשובע פרויען ווערן געבעטן ארייננצושיקן שיינע מעשיות וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן.

מען קען ארייינשיקן דורכן אריינרופן צום רעדאקציע, אדער דורך אימעיל אדער דורך פאסט. די אינפארמאציע איז בייגעלייגט ביים צווייטן עמוד.




בעזהשי"ת
ענדליך!
CME PRESENTS | A LIPA BRACH PRODUCTION
בס"ד
א מופת בין איך
הרה"ג רבי יואל רוטה שליט"א
1 א שיינע ניגון
2 א זיסע ניגון
3 א פריילעכע ניגון
4 א אייבערשטער ניגון
5 א טאנץ ניגון
6 א תשובה ניגון
7 א מורא'דיגע ניגון
8 א פלאם פון א ניגון
9 א ניגון פון הארץ
10 א לעכטיגע ניגון
צו באקומען ביים בית הדפוס
718-387-2691
ספעציעלע פרייז פאר מפיצים

# וועלטליכע נייעס




## ניין און ניינציג יעריגע טראקינג קאמפאני באנקראטירט

איינס פון די עלטסטע און גרעסטע טראקינג קאמפאניס אין אמעריקע ״יעלאו טראקינג״ מיט דרייסיג טויזנט ארבעטער, וואס האט געהאט אין באנוץ איבער צוועלף טויזנט טראקס וואס האבן געטון שיפינג ארבעט פאר די גרעסטע אמעריקאנע פירמעס - האט זיך אפגעשפארט אין די טעג, זאגענדיג אז זיי קענען מער נישט טראגן זייער גרויסע חובות לאסט.

דאס פיילן טשעפטער 11 באנקראט, האט צוגעפירט אז ארום דרייסיג טויזנט דזשאבס זענען פארלוירן געגאנגען, און עקאנאמיסט ערווארטן אז צוליב דעם באנקראט וועט זיך הייבן די שיפינג קאסט אין אמעריקע צוליב וואס די יעלאו פירמע האט צוגעשטעלט ארום פופן פראצענט דעליווערים אין אמעריקע, און וועלן זיך יעצט ארופלייגן אויף די איבעריגע פירמעס וואס וועלן קענען בעטן טייערער צוליב די מאנגל אין שפיניג סערוויסעס.

מיט דעם גייט די שווערע הארוואניע פון די כמעט הונדערט יעריגע ריזיגע פירמע לאיבוד, און אויסער גרויסע חובות איז גארנישט געבליבן דערפון.

דאס קומט אין די זעלבע צייט וואס כלל ישראל האט ליידער פארלוירן א טייערער איד הרה״ח ר׳ חיים בער מייזעלס ע״ה, וואס האט צוריק געגעבן זיין נשמה צום אויבערשטן אין בליענדן עלטער פון 45 יאר, און כאטש ער קען יעצט שוין טאקע גארנישט טון אויף אונזער וועלט, נעמט אבער ער מיט מיט זיך אויפן עולם העליון שווערע מילאנען דאלארן.

דאס געלט קומט נישט פון זיין סעיווינגס אקאונט, און נישט פון זיין פענשאן פאנד, דאס קומט פון די פילע צדקות וואס ער האט צוזאם געשטעלט פאר אלע מיני צוועקן ווי הכנסת כלה, אלמנות און יתומים, אלטע און קראנקע, און וואס נישט, ווען יעדע צובראכן הארץ האט באקומען ביי אים זייער אויפמערקזאמקייט, און ער איז אָן קיין אייגענע חשבונות פון כבוד אדער אנערקענונג אריינגעשפרינגען און גערופן און געשאפן און נישט גערוט ביז ער האט געזען אז די נצרכים באקומען וואס זיי דארפן.

אויב מיר זארגן זיך פאר אונזער ״פיוטשער״ און טראכטן פאראויס, איז נעמען א דזשאב וואו מען קען דארט וואקסן און ווערן ״פראמאטעד״ צו ווערן די ״מענעדזשער פון די מענעדזשערס״ נישט וואס מיר דארפן צילן, אונזער ״פיוטשער״ איז ״לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון״ איין טאג גייט מען מיר פרעגן: ״נשאת ונתת באמונה״ איז אמונה געווען ביי דיר א גרויסע עסק? ״קבעת עתים לתורה״ האסטו גע׳גנב׳עט צייט צו לערנען יעדן טאג עפעס תורה? ״עסקת בפרי׳ ורבי׳״ האסטו גערעדט שיין צו דיין ווייב? און דאן וועט מען מיטנעמען די אלע גוטע מעשים וואס מיר האבן געטון און אונזערע קורצע לעבנסטעג, און מיר וועלן קענען עסן די פירות וואס מיר האבן איינגעפלאנצט ווען מיר האבן נאך געקענט.

**ואתם הדבקים בה׳ אלוקיכם חיים כולכם היום**

# שטעטל נייעס

## סיום מסכת גיטין על פי סדר הש"ס



פאראנגענעם מאנטאג שופטים האט מען זוכה געווען צו מסיים זיין מסכת גיטין על פי סדר פון ש"ס וואס לערנט געלערנט מיט גאנץ כלל ישראל, און גלייך נאכדעם האט מען אנגעהויבן מסכת קידושין.

במשך דעם שבת האט דער ראש ישיבה גאר שטארק מחזק געווען אנשי שלומינו אז אלע זאלן אנהייבן מסכת קידושין, און מיט דעם זיין זייער שטארק יעדן טאג, דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט פון הייליגן שר שלום פון בעלזא זי"ע אז לערנען א דף גמרא פארן דאווענען איז גן עדן התחתון, און לערנען א דף גמרא שבת איז גן עדן העליון.

דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט איך וויל קאמפיינען ביי אנשי שלומינו, יעדער זאל נעמען א פעידזש אינעם קאמפיין, אלע זאלן לערנען יעדן טאג דעם "דף גמרא" אן אויסנאם.

זונטאג שופטים האט דער ראש ישיבה מסיים געווען די מסכתאביים טעגליכן שיעור וואס ווערט פארגעלערנט יעדן אינדערפרי אין וואלד אינטערן בית המדרש אין שטעטל, די אינגעלייט וואס האלטן מיט דעם שיעור האבן געברענגט די עסן צום סיום. ביים סיום האט דער ראש ישיבה געזאגט אז עס האט זיך אויסגעשטעלט פונקט די סיום אין אזא גרויסע טאג וואס איז די יארצייט פון הייליגן רבי פון סאטמער רבי זכותו יגן עלינו, דארף מען מיטנעמען וואס דער רבי האט געטון, ער האט נישט פארלוירן זיין אמונה אין די שווערסטע מצבים אין לעבן וואס ער האט נאר געהאט, און דאס דארף מען זיך אויסלערנען אין אזא גרויסע טאג.

## היסטארישע זיצונג מיט גבאי היכל הקודש



א היסטארישע זיצונג איז פארגעקומען מיט אלע גבאי היכל הקודש פאראנגענעם דינסטאג ראה ביים ראש ישיבה אינדערהיים.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אפאר נקודות וואס ער וויל אראפשטעלן אין אלע שולן, וואס איז זייער וויכטיג פאר גבאים צו וויסן. די ערשטע זאך איז אז אלע מתפללים דארפן שפירן א חלק פונעם בית המדרש, יעדע מתפלל זאלן האבן איין זאך וואס דאס געט ער צו פארן בית המדרש, צו זאל דאס זיין מיטן צושטעלן קידוש נאכן דאווענען אדער שלש סעודות, צו מיטן וואשן און רייניגן דעם בית המדרש, צו מיטן צושטעלן קאווע פארן בית המדרש, און אזוי ווייטער. מען דארף אריינעמען יעדן איינעם אינעם בילד, און אזוי קען זיך פירן דער בית המדרש מיט א געוואלדיגע אחדות און שלום.

אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער וויל העלפן די בתי מדרשים אין שטעטל אויב זיי מוטשען זיך מיט דעקן דעם בית המדרש, די בעסטע זאך איז אז מען דעקט דאס צווישן די מתפללים, יעדער ברענגט איין זאך און אזוי ווערט דאס מסודר, אבער אויב איז נאכאלץ דא א לאך קען מען זיך שטענדיג ווענדן צום גבאי מו"ה אברהם הערש הי"ו און מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו וואס זיי וועלן זען עס זאל ווערן געדעקט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף על צד היותר טוב.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט "אין שטעטל וועט נאך זיין טויזנטער משפחות, אבער נאר אויב מען וועט זיך ליב האבן וועט מען קענען מצליח זיין".

צו הערן דעם גאנצן שמועס מיט די גבאים רופט אריין קול ברסלב 212-444-911 דערנאך דרוקט 1-2-1

# היכל הקודש נייעס

בני ברק

## תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק עפענט אירע טויערן בשעה טובה בעזרת השם




זה היום עשה השם נגילה ונשמחה בו, נאך דעם וואס עס גייען שוין אן מיט'ן אייבערשטנס הילף צוויי תלמודי תורה היכל הקודש ארץ ישראל מיט א געוואלדיגע הצלחה, די ערשטע אין ירושלים עיה"ק און די צווייטע אין עיה"ק טבריה, האט מען מיט סייעתא דשמיא געעפענט די דריטע תלמוד תורה אין ארץ ישראל. יעצט איז געקומען די רייע אויפן עיר התורה והחסידות בני ברק.

דער תלמוד תורה וועט ווי די אנדערע תלמודי תורה היכל הקודש שטיין בנשיאות פונעם ראש ישיבה, וואס וועט האלטן פאר די אויגן די ציל צו לערנען מיט די קינדער פון אנשי שלומינו אין בני ברק די ריינע אמונה, אז זיי זאלן אויפוואקסן פון די פריסטע יוגענט וויסענדיג אז דער אויבערשטער איז שטענדיג מיט זיי, און מען קען אלץ אלעס בעטן פון אים. מען וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אויפצוען תלמידים וואס וועלן ליב האבן דעם אויבערשטן, און וועלן וויסן אז דער אויבערשטער היט זיי.

די תלמוד תורה וואס געפונט זיך אויף רחוב מרים הנביאה עפענען אירע טירן בעזרת השם די וואך דאנערשטאג פרשת שופטים א' דר"ח אלול הבעל"ט. דער ראש ישיבה שליט"א האט אהערגעשטעלט א געוואלדיגע געלונגענע סטעף דער געטרייער גבאי פונעם בית המדרש און בני ברק מו"הר אבא חייא רייזמאן הי"ו, מו"ה נחמן יצחק רעכניצער הי"ו, בראש פונעם מנהל מו"ה יצחק פאפענהיים הי"ו.

די הנהלה האט ארויסגעשיקט בריוו צו אלע עלטערן ווי מען ערקלערט דער ציל פונעם חדר, די סדר היום ווען מען קומט און מען גייט, דער סדר הלימודים, סיי פון די אינגערע קינדער און פון די עלטערע קינדער, און אויסגעפירט מיט די ווערטער פון מוהרא"ש זי"ע אינעם הייליגן ספר "אוצר חינוך הילדים" איבער די וויכטיגקייט צו ארבעטן אינאיינעם מיטן מלמד צו רעדן און איבערשמועסן מיט אים וואס דאס איז א וויכטיגע יסוד צו מצליח זיין אין חינוך פון די קינדער, און מיטן בעטן די עלטערן זאלן אריינלייגן פילע תפילות אז מען זאל טאקע מצליח זיין אין די הייליגע עבודה פון מחנך זיין ערליכע דורות אויפן וועג ווי דער הייליגער רבי האט אונז אויסגעלערנט.

אומאן

## אומאן תשפ"ד אפדעיטס



שטייענדיג בלויז א חודש אפגערוקט פונעם הייליגן יום טוב ראש השנה תשפ"ד הבעל"ט, וויל דער געטרייער רייזע אגענטור "פלען-איט-רייט" דערמאנען עטליכע וויכטיגע זאכן.

* תפילות: די ערשטע און די וויכטיגסטע זאך איז תפילה דאס איז די העכסטע און וויכטיגסטע זאך, כדי צו קענען קומען צום רבין אויף ראש השנה.

* פאספארט: עס איז זייער וויכטיג צו איבערקוקן דעם פאספארט שוין היינט, און אויב באמערקט איר אז עס לויפט אפ אין וויניגער פון זעקס חדשים פון צוריק קומען פון אומאן, זאלט איר זיך שוין פארבינדן צו אייער אגענט אין פלען איט רייט

* טיקעט רעזערוואציע: מאכט זיכער אז אייער טיקעטס זענען גענצליך אויסגעצאלט ביז ראש חודש אלול, כדי צו קענען אנהאלטן דעם רעזערוואציע בעז"ה. נאכדעם קען מען שוין מער נישט גאראנטירן דעם טיקעט.

פאר אלע שאלות ארום די נסיעה קען מען שטענדיג רופן "פלען איט רייט" 845-678-3555



# מעשיות פון תפילה

### יואל טייטלבוים - קרית יואל:

איך בין אריינגעפארן אין שטאט צו ערלעדיגן געוויסע קלייניגקייטן, אויפן וועג אריין זאגט מיר א נאנטער ידיד מיינער פון ברוקלין אז ער האט א פעקל וואס דארף אנקומען צו מיר אין קרית יואל.

נאכן אים זאגן אז איך בין ממש יעצט אויפן וועג אין שטאט אריין זאגט ער מיר ער גייט עס ארויסלייגן אינדרויסן פונעם טיר, ער שרייבט ארויף מיין נאמען דערויף, (פארשטייט זיך מיט אידישע אלפאבעטן כדי עשו'ס איינקלעך זאלן עס נישט קענען אפלייענען) און איך וועל עס שוין שפעטער אפנעמען.

איך קום אן אהין אין די שפעטע נאכט שטונדן, איך זעה דעם רויטן זעקל הענגט פונעם טיר מיט א שטאלצקייט, איך וויל עס שוין נעמען אבער א גלאזענע טיר שטייט אין וועג און לאזט נישט אריין, ער האט מיר פשוט פארגעסן צו געבן די נומער פונעם שלאס, וויאזוי' קען מען דא ארויסמיידן די בלאקאדע?...

איך האב געוואלט צוריק רופן דער חבר מיינער אבער די קליינע ווייזערל אויפן זייגער איז שוין געווען היפש געבויגן אויף די רעכטע זייט, ווער קען מען רופן אין אזא שפעטע שעה?...

למעשה איז געבליבן איין טעלעפאון נומער וועם איך קען רופן, איך רוף דעם אייבערשטן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א וועג אריין אינעם בנין צו ערמעגליכן אפצונעמען דאס פקדון.

וכך הוה, אויפן מינוט - ממש ווי אפגעשמועסט - קומט ארויס איינע פון די שכנים און עפענען מיר די טיר איך זאל קענען נעמען מיין פעקל.

### שלמה רוטה - קרית ברסלב:

איך האב באשטעלט אן עיר קאנדישן פאר מיין הויז, למעשה נאכן באשטעלן זעה איך ווי זיי שרייבן אז ס'דארף אנקומען שבת אינדערפרי, איך האב עס זייער שטארק געוואלט שוין האבן אויף שבת, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נאך אנקומען פאר שבת.

דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן, פרייטאג נאכמיטאג, צוויי שעה פארן זמן, נאכן אויפשטיין פונעם ערב שבת דרימל זע איך ווי די לאסט וואגאן לאדענט אפ דעם עירקאנדישן, און א גאנץ שבת האט מען שוין געקענט נהנה זיין פון די בוזשעוועדיגע עירקאנדישן.

שכח אייבערשטער פאר די 'לופטיגע' מעשה פון תפלה!

### אלחנן זויבערמאן - צפת:

**א)** איך האב געדארפט ערגעץ צו גיין אין א ווייטע געגנט אין בני ברק זייער ווייט פון וואו איך בין איינגעשטאנען, און ס'איז געווען זייער שפעט ביינאכט ווען ס'איז שוין נישטא קיין באסעס צו פארן אין שטאט.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איינער זאל אדורכפארן די ליידיגע גאס אין מיך צוטראגן צו ווי איך דארף, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז א קורצע צייט דערויף האט א אינגערמאן מיך צוגעטראגן צו מיין באשטימטע פלאץ.

**ב)** אויף צוריק פון בני ברק האב איך געוואלט כאפן א באס צוריק קיין צפת, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן פאר א גוטע און באקוועמע באס אין די ריכטיגע מינוט.

דער אייבערשטער האט געפירט איך זאל פארפאסן צוויי באסעס, האב איך געדארפט בלייבן נאך א נאכט אין בני ברק ביז אויפצומארגן ביינאכט ווען דעמאלטס איז - ווייזט אויס - געווען די ריכטיגע צייט צו פארן, און דעמאלטס האב איך טאקע געכאפט די באס און ס'איז געווען זייער גוט און באקוועם.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, שְׁנַת תשע"ו לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דְרַיי כִּיתּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּ מִיר, אֵיין כִּתָּה וָואס הָאבְּן לִיבּ מַיין תּוֹרָה, אֵיין כִּתָּה וָואס קוּמֶען עֶסְן קוּלִיטְשׁ, אוּן אַ דְרִיטֶע כִּתָּה וָואס אִיךְ בִּין אַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיי זֵיי אִין הַארְצְן". דִי דְרִיטֶע כִּתָּה - דָאס זֶעט מֶען בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וָואס לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן אוּן אָטֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן.

וָואס ווִיל דֶער רֶבִּי? נָאר אוּנְז מְחַזֵק זַיין אוּן אוּנְז טְרַייבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקְל צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, אוּן דָאס בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן, אִיז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי זִיךְ אַבִּיסְל מְיַשֵׁב. נֶעם דִיר אַפָּאר מִינוּט אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט דִיךְ, אַלֶעס וָואס דְרִיקְט דִיךְ, אוּן בַּאהַאלְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט פוּן אִים, וֶועסְט זִיךְ שְׁפִּירְן גָאר אַנְדֶערְשׁ.

רֶבִּי נָתָן'ס תַּלְמִידִים פְלֶעגְן זָאגְן: "מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען בַּיי רֶבִּי נָתָן אַ חִילוּק פַאר עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ יְשׁוּעָה צִי נָאךְ דִי יְשׁוּעָה, **נָאר מֶען הָאט גֶעזֶען אַ חִילוּק אוֹיף אִים פַאר עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאכְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים. עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס הָאבְּן גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז זֵיי הָאבְּן אַלֶעס; אִיךְ פְרֶעג אַ אִינְגֶערְמַאן "וָואס הֶערְט זִיךְ"? זָאגְט עֶר מִיר: "עֶס אַז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַלֶעס אוּן גָארְנִישְׁט"; דָאס הֵייסְט זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט אוּן הַייזֶער אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט - זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיס קוּמֶען מִיט קֵיינֶעם, נִישְׁט מִיט דִי וַוייבּ, נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט. ווִידֶער אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן "גָארְנִישְׁט מִיט אַלֶעס"; זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זֵיי לֶעבְּן בְּדַחֲקוּת, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, זֵיי קוּמֶען זִיךְ אוֹיס מִיט יֶעדְן, מִיט דִי וַוייבּ, מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט דִי שְׁכֵנִים וְכוּ' וְכוּ', זָאגְט מִיר דֶער אִינְגֶערְמַאן: **"אִיךְ הָאבּ אַלֶעס אוּן אַלֶעס"**! אוּן עֶר זָאגְט עֶס מִיט אַזַא פְרֵיילִיכְקֵייט אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז עֶר הָאט טַאקֶע "אַלֶעס אוּן אַלֶעס" אִין דִי צַייט וָואס בֶּאֱמֶת הָאט עֶר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער מִיטְן אֱמֶת'ן אֱמֶת הָאט עֶר טַאקֶע אַלֶעס אוּן אַלֶעס, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט (מַעֲשֶׂה ט) דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי חָכָם אוּן תָּם, אַז דֶער תָּם הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אִין זַיין בְּרוֹיט אַלֶע טַעֲמִים, אַ טַעַם פוּן פְלֵיישׁ, אוּן אִין דִי וַואסֶער הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט אַ טַעַם פוּן בִּיר.

שְׁטַארְק דִיךְ, אוּן קוּק אוֹיף דִי גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן לֶעבְּן ווִי דֶער תָּם וָואס הָאט גֶעהַאט "אַלֶעס אוּן אַלֶעס".

**אַ גוּטְן טָאג.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

## חֵלֶק ד'

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט הַדְרָכָה וְויאַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן בַּיים צִיוּן:** ביים ציון דארף מען זיך אויפפירן מיט גרויס דרך ארץ. דער רבי איז דארט, און מען דארף זיך פארשטעלן כאילו מיר וואלטן אריין צום רבי'ן, וואלטן מיר זיכער אריין מיט גרויס דרך ארץ און יראת הכבוד.

אמאל איז דער רבי געזיצן אין שטוב מיט זיין טאכטער, און זיי האבן געהערט ווי א פרוי וויינט אויפן קבר פון איר טאטע, האט דער רבי געזאגט פאר זיין טאכטער: "דער מת איז בכלל נישט דא און הערט בכלל נישט איר וויינען, אבער ווען איך וועל אוועק גיין מזה העולם און מען וועט קומען צו מיין קבר, וועל איך הערן וואס מען רעדט צו מיר", און דער רבי איז אריין אין אן אנדערע צימער און געזאגט: "אזוי ווי איך קען הערן דא ווען דו רופסט מיר פון די אנדערע זייט, אזוי וועל איך הערן וואס דו וועסט בעטן ביי מיין ציון" (שיחות הר"ן, סימן קנו).

דערפאר, ווען מען גייט צו א ציון פון א צדיק, בפרט צום הייליגן רבינ'ס ציון, דארף מען קומען מיט גרויס דרך ארץ. ביים רבי'ן איז געווען 'דרך ארץ' א יסוד היסודות; דער רבי האט געזאגט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אֲנָשַׁי דֶרֶךְ אֶרֶץ", ווען קעניגן וואלטן געוואוסט וואסערע דרך ארץ איך לערן אויס מיינע תלמידים, "הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ", וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער צו מיר איך זאל זיי אויסלערנען דרך ארץ.

פארשטייט זיך אז ווען מען קומט צום רבי'ן איז מען פארנומען מיט זיך אליין; עס איז נישט דיין געשעפט ווי אזוי דער קומט און ווי אזוי יענער קומט, מען דארף קוקן אויף זיך אליין, ווייל דער רבי איז אזוי ווי א דאקטער וואס היילט אויס (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ל), און ווען מען קומט אין שפיטאל קען מען נישט קוקן ווער נאך עס קומט, און וואס ער זוכט ער דא, און וואס ער דארף; נאר יעדער קומט צום רבי'ן זיך אויסהיילן.

(מכתב א' טהרה, שנת תשע"ז)

# א שמועס צווישן צוויי אידן




משה ארי' שניצלער

(באמערקונג: די רעדאקציע איז נאכנישט דערגאנגען אויף זיכער די נעמען, אבער לויט די ראשי תיבות וועט מען אננעמען אויף א ספק אז די נאמען איז מעכל איציק שטיגלניץ און מרדכי מיילעך מילעכיגער)

**מ. א. ש. : ס'מאכסטע?**

ברוך השם

**מ. א. ש. : טוטצעך?**

פיין

**מ. א. ש. : סי'נייעס?**

לייף איז יאמם

**מ. א. ש. : וואס זאגסטו צו די שיינע מסיבה אין הערליוויל ארט סענטער?**

הערליך! די בריסקעט און פינגערמיעט איז געווען עפעס מעגע מעגע!

**מ. א. ש. : וואס זענען געווען דיינע מחשבות ביים מעמד?**

הלואי האב איך די בריסקעט און פינגערמיעט יעדן טאג פון יאר!

**מ. א. ש. : ממש אזוי?**

צען מאל ממש אזוי!

**מ. א. ש. : כ'מיין דו ליגסט אין תאוות אכילה!**

וואס נאך דערציילסטו?

**מ. א. ש. : סי'דיר געווען שווער די קאמפיין?**

כ'האב געמיינט איך גיי האבן צוויי נערוון-בראך'ס און דריי הארץ אטאקעס! כ'האב געדארפט פיר קעיסעס טיילענאל!

**מ. א. ש. : טשערי טיילענאל?**

ביסט צופידלט? טטייללללעננאללל! וואס טשערי פלעיוואר אין קאפ אריין?

**מ. א. ש. : כ'האב געמיינט דו נעמסט טיילענאל ווייל דו האסט ליב די טשערי פלעיוואר טיילענאל וואס מ'געט פאר די קליינע קינדער.**

האסט נאך עפעס צו פרעגן? איי גאט ע' ביזנעס טו ראן!

**מ. א. ש. : האסט געמאכט דיין גאול?**

מ'שמועסט עפעס אז יעדער האט געמאכט די גאול...... גיי ווייס וואס איז אמת און וואס איז פעיק ניוס.......

**מ. א. ש. : איינער האט נישט געמאכט זיין גאול......**

ווער?

**מ. א. ש. : ר' משה ארי'**

ס'הייסט?

**מ. א. ש. : ער האט געמאכט דריי אלפים פאר די אנשי חיל קאמפיין, אבער זיין אנדערע גאול האט אונטער**



**געהינקעט.**

וואס איז דאס אנדערע גאול?

**מ. א. ש. : ר׳ משה ארי׳ האט יעדע וואך א גאול! יעדע וואך א נייע פעידזש!**

זיי מסביר

**מ. א. ש. : ר׳ משה ארי׳ האט פופצן פעידזשעס א וואך!**

קענסט רעדן קלארער?

**מ. א. ש. : ווען דו קומסט אריין אין האשקי שול אין קרית ברסלב, הערסטו ווי מ׳לערנט מיט א פעסטקייט אין די ווייבער שול?**

יא.

**מ. א. ש. : ווער לערנט דארט?**

די כולל אינגעלייט?

**מ. א. ש. : זיי באקומען כולל געלט?**

כ׳ווייס נישט

**מ. א. ש. : ר׳ משה ארי׳ ווייסט יא**

וואס ווייסט ער?

**מ. א. ש. : אז ער מוז שאפן זיין גאול פופצן מאל יעדע וואך**

קענסט איינמאל אין לעבן יא רעדן קלארע פארשטענדליכע רייד?

**מ. א. ש. : מ׳מוז שאפן יעדע וואך דריי הונדערט און פופציג טאלער פאר פופצן כולל אינגעלייט**

טאטעלע?

**מ. א. ש. : רעכן עס אליין**

כ׳האב א קאפ ווי׳, זאג מיר די טאטעלע

**מ. א. ש. : דריי הונדערט פופציג טיימס פופצן איז א קיימא לן פון פינף אלפים יעדע וואך!**

ווער שאפט די פינף אלפים?

**מ. א. ש. : גוטע קושיא?**

עכט! פון וואו קומט די געלט?

**מ. א. ש. : פון עטליכע פלעצער, קאנטינענטל, ויואל משה, תפארת תנחום, תפארת משה אברהם׳עלע, תפארת חיים הערשעלע, תפארת יעקב שימעלע, תפארת וואלף איציקל.**

הייליגער באשעפער מאך א נס אז דער איד זאל רעדן נארמאל, באשעפער דו ביסט דאך א כל יכול, טאטע מאך מיר א נס אז יעדער זאל וויסן אז תפלה פועל׳ט.

**מ. א. ש. : וואס איז?**

וואס איז די תפארת אין קאפ אריין?

**מ. א. ש. : אלע שמחה זאלן. ר׳ משה ארי׳ גייט טאג און נאכט אויף אלע שמחה זאלן צו שאפן די נויטיגע פאנדס.**

פון שמחה זאלן ווערט געשאפן פינף אלפים א וואך?

**מ. א. ש. : ניין.**

וואס נאך?

**מ. א. ש. : ר׳ משה ארי׳ גייט אויך אין די שולן.**

נאך עפעס?

**מ. א. ש. : יא, ר׳ משה ארי׳ גייט אויך אויף די הייזער.**

וואו?

**מ. א. ש. : איבערלאל, וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, קרית יואל, לעיקוואוד.**

וואס טוט מען אין כולל? מ׳זאגט משניות?

**מ. א. ש. : נעם טיילעגאל.**

ביי ענק איז דאך די עיקר צו זאגן משניות.

**מ. א. ש. : אלע כולל אינגעלייט מוזן יעדן טאג זאגן משניות. אבער נישט אין כולל צייט, אזוי ווי א ארבעטס מענטש דארף זאגן משניות אין די זייטיגע צייטן.**

וואס לערנט מען אין כולל?

**מ. א. ש. : צוויי יאר הלכות שבת, צוויי יאר יורה דעה חלק ב׳, צוויי יאר אורח חיים חלק א׳ און הלכות מקוואות און נאך מקצועות.**

ווי האלט מען?

**מ. א. ש. : צוויי וואכן ארום גייט זיין א פארהער אויף הלכות שהי׳ והטמנה.**

וואס נאך?

**מ. א. ש. : נעקסטע יאר גייט זיין די גרויסע פארהער אויף גאנץ הלכות שבת!**

דארט וואו מ׳קומט אריין אין די




האשקי שול הענגט א צעטל פון די כולל פאנד רעיזינג אז מו"ה שבתי דוד מארקוס נ"י האט געענדיגט הונדערט און איינמאל משניות

מ. א. ש. : יא

ווען גייט מען טוישן יענע צעטל?

מ. א. ש. : ווען די כולל-וואך גייט זיין געדעקט פריער ווי פרייטאג פיר אזייגער......

וואס קען מען אריינלייגן אין קרית ברסלב בלעטל פון די צוקונפטיגע פאנד רעיזינג פלענער?

מ. א. ש. : ס'איז דא זייער אסאך פלענער אויפ'ן טיש פון די פוינט פון פאנד רעיזינג.

זיי מסביר אביסל

מ. א. ש. : ס'איז געווען א איד א פארמער מיט'ן נאמען פנחס פארבער, מ'האט אים גערופן פנחס פארמער. שוין פיר דורות וואס זיי האדעווען הינדעלעך, ביים פערטן דור האט עס שוין געהאלטן ביי צוואנציג טויזנט הינדעלעך אויסגעשפרייט אויף טויזנט אקער לאנד.

איין טאג האט זיך דארט אריין געכאפט די מחלה "טשיקן פאקס" (ביי די עופות רופן זיי עס "מענטשן פאקס") דעם ערשטן טאג איז געשטארבן הונדערט עופות, דעם צווייטן טאג הונדערט צוואנציג, דעם דריטן טאג הונדערט פופציג. א שרעק! פנחס ווערט אים שווארץ פאר די אויגן! ער לויפט צו א איינע-הארע-אפשפרעכער, לייגט אראפ פינעף מאות, דער אפשפרעכער געט אים שמן זית צו שפריצן אויף די לינקע אויג פון יעדן עוף.

'שטייצעך אז די אויסשטארבעניש האט נעבעך זיך גארנישט דערשראקן פון די לינקע-אויג-שפריץ. מארגן זענען זעקס הונדערט עופות געווען נישט בין החיים. ער לויפט מיט א טויזנטער צום אפשפרעכער און דער אפשפרעכער געט אים קאול סלאו פון די נעכטיגע סעודה ביים מסיים זיין די קליינע-אותיות-ספר "גניבה גזילה עם בגדים לבנים". ער הייסט אים אויסמישן די קאול סלאו מיט די קארן קערעלעך וואס די עופות עסן.

מארגן האבן צוויי טויזנט עופות געאטעמט זייער לעצטן אטעם. ער נעמט פינעף אלפים צום אפשפרעכער, דער אפשפרעכער זאגט אים מיט די געמאכטע ציינישע קאלטבלוטיגע שמייכל פון א וואלד-רויבער, "איך האב נאך סגולות פאר נאך הונדערט און אכציג טעג, די שאלה איז נאר ווילאנג דו וועסט נאך האבן עפעס עופות".

וואס מיינסטו צו זאגן מיט די שרעקעדיגע מעשה?

מ. א. ש. : ס'איז שרעקעדיג צו דארפן שאפן פינעף אלפים יעדע וואך!

רעד נארמאל

מ. א. ש. : ס'איז דא אסאך וואס דארף ווערן געטון צו קענען אביסל מער "סטאביליזירן דעם מצב" ס'איז זייער אנגעשטרענגט מיט די פינאנציעלע מצב אין כולל. עס מוז ווערן עפעס געטון אז די כולל פעיראלל זאל אנגיין אומגעשטערט און דער ראש ישיבה זאל נישו מוזן זיין אינוואלווד, עס פאדערט זיך אז דער ראש ישיבה זאל נישט דארפן זארגן יעדע צווייטע וואך צו ס'איז יא אדער נישט דא געלט צו באצאלן, דער ראש ישיבה קען אין די צייט טון אנדערע זאכן, שרייבן עצתו אמונה, וכדומה... דער ראש ישיבה'ס צייט איז צו טייער צו דארפן זיין ביזי מיט די וועכנטליכע כולל-פעיראל.

וואס הייסט?

מ. א. ש. : מ'דארף אז נאך עטליכע אינגעלייט זאלן נעמען צדקה זעקעלעך און גיין ביי זייער מנין, מ'דארף עטליכע אינגעלייט זאלן גיין נאך געלט ביי חתונות און קליינע שמחות אין וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, קרית יואל, לעיקוואוד, אויך איז דא אין יעדע שטאט באקאנטע אדרעסן וואו יעדער באקומט א באשטימטע סכום, מ'דארף עס נאר אפנעמען. אויך קען מען זיך אונטערנעמען צו גיין א האלבע שעה א וואך אויף די הייזער.

וואס וועט ר' משה ארי' טון?

מ. א. ש. : ס'איז דא סאך מער צו טון וויפל איין מענטש קען דעקן.

וואס נאך ליגט אויפן טיש?

מ. א. ש. : די כולל האט איידיעס, דו קענסט ברענגען ספאנסערס? (אזוי ווי די מעשה מיט די עופות.......)

טאקע?

מ. א. ש. : אויב מענטשן ווילן לייגן זייער נאמען אויף א פאנדרעיזינג פראיעקט איז דא אסאך זאכן אויפן טיש, גרייט צו גיין, שוין אויסגעשמועסט מיט דער ראש ישיבה שליט"א. עס איז א גרויסע זכות לדורות הבאים.

וואס נאך?

מ. א. ש. : נדבנים קענען נעמען א פרנס היום לעילוי נשמת הנעדרים, אדער פאר א זכות פאר א ישועה.

וואס איז מיט סעודת ראש חודש?

מ. א. ש. : מקען זיך מעלדן צו ר' משה ארי' נ"י וועגן ווערן געלאדנט צו א סעודת ראש חודש מיט די ראש ישיבה.

מ'קען באצאלן צוביסלעך און אנקומען צו א סעודת ראש חודש?

מ. א. ש. : יא.

וויפל איז די דורכשניטליכע נדבה וואס דער כולל באקומט פון חברי קהילת היכל הקודש?

מ. א. ש. : רוב אינגעלייט האבן עס אריינגענומען אין זייער קאפ אז די כולל איז א חלק פון די קהילה און מ'מוז זארגן דערפאר.

א יעדע דיין אין די וועלט וואס דו גייסט אים פרעגן א שאלה, איז דא א כולל וואס האט אים געגעבן כולל געלט פאר עטליכע יאר, וואס אן דעם איז זייער שווער צו טראכטן, ווי אזוי עס זאל זיין די קומענדיגע דור פון דיינים, דאס איז א פאקט וואס מ'קען נישט אוועק קוקן פון דעם.

עס איז צום האפן אז אלע חברי קהילתינו וועלן מעריך זיין די סערוויס וואס די קהילה שטעלט צו פאר זיי פערזענליך און זארגן אז די כולל זאל אנגיין אומגעשטערט.

וויפל קאסט א פרנס היום?

מ. א. ש. : פינעף הונדערט.

מ'קען עס געבן צוביסלעך?

מ. א. ש. : יא

וואו קען מען זען פריערדיגע פרנס היום'ס?

מ. א. ש. : **kbbulletin.com**

וואו קען מען זיך פארבינדן מיט די כולל?

מ. א. ש. : ר' משה ארי' שניטצלער נ"י

347-585-6166

moshe2401@gmail.com

ס'איז דא נאך א וועג אריינצושיקן געלט?

מ. א. ש. : יא

**thekolel.com**

(נישט פארמישן מיט thekollel.com א חשובע מקום תורה אין דיטרויט, מישיגן)

האסט נאך עפעס צוצולייגן?

מ. א. ש. : עס איז א וויכטיגע זאך אז אפילו מעוטי יכולת זאלן אינזין האבן די כולל, געבן עפעס איינמאל א וואך אדער איינמאל א חודש, יעדע קליינע נתינה העלפט זייער אסאך, און איז מחזק די הנהלה צו קענען אנגיין מיט די שווערע ארבעט.

נאך עפעס?

מ. א. ש. : א ווארט וועגן סעודת ראש חודש.

אלע חברי הקהילה דארפן וויסן אז די סעודת ראש חודש מיט די "לייכטע" געשמאקע שמועסן מיט דער ראש ישיבה איז געמאכט פאר יעדן איינעם אן אויסנאם, יעדער קען אנקומען צו דעם. ס'איז נישט אזוי שווער ווי מ'מיינט. ס'איז שוין געווען עטליכע מלמדים וואס זענען געגאנגען נאך געלט פאר א וואך צוויי און אנגעקומען צו סעודת ראש חודש.

די סעודת ראש חודש איז אויך א ספעשל געלעגנהייט פאר יעדן יחיד אריינצופרעגן שאלות, און אינטערעסאנטע פראגעס, וואס האט שוין אין די פארגאנגנהייט געפירט צו הערליכע היסטארישע שמועסן מיט וואס דער גאנצער עולם האט זיך דערקוויקט אויפן טעלעפאון.

דער עיקר איז צו געדענקן אז וואס מ'טוט פאר'ן רבי'ן טוט מען פאר זיך אליין!



# א מעשה
## פון א צדיק

# פְֿרֵיילִיךְ מַאכְן מֶענְטְשְׁן

אִין אוּמַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד ר' שִׂמְחָה'לֶע (קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט זַיין צְוֵוייטְן נָאמֶען) וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְֿרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, עֶר הָאט זֵייעֶר וֵוייניג גֶערֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן, וֶוען מֶען הָאט אִיהְם נָאר גֶעזֶעהְן הָאט מֶען גֶעמוּזְט לַאכְן פַֿאר שִׂמְחָה, אַזוֹי הָאט עֶר פְֿרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט מֶענְטְשְׁן.

זַיין אַרְבֶּעט אִיז גֶעוֶוען עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען יֶעדְן טָאג אִיבֶּער דִי הַייזֶער מִיט אַ זַאק צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַֿאר אָרוּמֶעלַייט, דֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, דֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ צִיבֶּעלֶע, אוּן דֶער הָאט אִיהְם גֶעגֶעבְּן אַ קְנָאבִּיל, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט עֶפֶּעס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זַאק. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן עֶס אוֹיסְגֶעגָאסְן אוֹיפְֿן טִישׁ, אוּן אַלֶע אָרוּמֶעלַייט הָאבְּן גֶענוּמֶען וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְֿט, אַזוֹי הָאט עֶר פָּשׁוּט מְחַיֶּה גֶעוֶוען אִידְן, וַוייל דִי אָרוּמְקֵייט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס.



אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גְרוֹיסְן גְבִיר בֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען עֶפֶּעס גֶעבְּן צְדָקָה אַרַיינְלֵייגְן אִין זַאק, דֶער גְבִיר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן 'אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט', ר' שִׂמְחָה'לֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט פַֿארְלוֹירְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם זַאק אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן אַ גִיס אוֹיס אוֹיפְֿן טִישׁ אִין זַיין רַייכְן דֵיינוּנְג רוּם, אוּן עֶר הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט 'הָאסְט נִישְׁט'? דָא הָאסְטוּ דִי גַאנְצֶע פַֿאר דִיר יֶעצְט וֶועסְטוּ הָאבְּן בְּשֶׁפַֿע!

דֶער גְבִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן נֶעם עֶס שְׁנֶעל צוּזַאם וַוייל בַּאלְד וֶועט מַיין וַוייבּ קוּמֶען אוּן זִי וֶועט מִיךְ אָנְשְׁרֵייעֶן. עֶר הָאט אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַסַאךְ עֶסְנְוַוארְג אַבִּי עֶר זָאל צַאמְנֶעמֶען וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגָאסְן אוֹיפְֿן טִישׁ.

פוּן דֶעמָאלְט אָן וֶוען ר' שִׂמְחָה'לֶע אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט עֶסְן אִין זַאק, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער אִיד מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט.

צוּם סוֹף אִיז עֶר גֶעפָֿארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן וִוי נָאר עֶר אִיז אַרָאפּ פוּן שִׁיף הָאט עֶר שׁוֹין גֶענוּמֶען אַ זַאק אוּן גֶעגַאנְגֶען פוּן טִיר צוּ טִיר בֶּעטְן עֶסְנְוַוארְג פַֿאר אָרוּמֶעלַייט. אוּן וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזַא פְֿרֵיילִיכֶע אִיד הָאט אִים יֶעדֶער אֵיינֶער מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן גֶעגֶעבְּן בְּשֶׁפַֿע, וָואס פוּן דֶעם הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטֵיילְט פַֿאר אָרוּמֶעלַייט.

זֶעהְט מֶען אַז וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְֿרֵיילִיךְ גֵייט עֶר אַרוּם מִיט גַדְלוּת הַמּוֹחִין, עֶר דַארְף נִישְׁט זָארְגְן אוּן בָּארְגְן, נָאר עֶר הָאט שֶׁפַֿע, אוּן עֶר גֶעבְּט נָאךְ פַֿאר אַנְדֶערֶע אוֹיכֶעט.

(אשר בנחל אידיש ב' ויצא תשע"ד)



# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע



| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

**- מ"ה -**

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** אָנְהוֹיבּ וֶוען ר' יוּדְל זַ"ל אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל אִים וַוייזְן עֶפֶּעס אַ מוֹפֵת, הָאט אִים דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, "אַ אִיד וָואס אִיז אַבִּיסְל מְקוּרָב צוּ מִיר, הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ מוּטְשֶׁען אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִים. אִיךְ הָאבּ אִים צוּגֶעזָאגְט אַ זוּן, אָבֶּער יֶעדֶע הַאלְבֶּע יָאר זָאל עֶר גֶעבְּן אֵיין רֶענְדְל. דֶער אִיד אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט אַ אִינְגְל, בִּיז יֶעצְט הָאט עֶר אַיינְגֶעהַאלְטְן דֶעם תְּנַאי אוּן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט יֶעדֶע הַאלְבֶּע יָאר אַ רֶענְדְל. דֶעם דִינְסְטָאג דַארְף דֶער אִיד נָאכְאַמָאל קוּמֶען בְּרֶענְגֶען דֶעם רֶענְדְל, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער אַז יֶעצְט וֶועט עֶר נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן זַיין צוּזָאג עֶר וֶועט נִישְׁט בְּרֶענְגֶען דֶעם רֶענְדְל, וֶועסְטוּ יֶעצְט זֶען אַז אַנְשְׁטָאט דֶעם רֶענְדְל וֶועט עֶר דֶעם דִינְסְטָאג אַהֶער בְּרֶענְגֶען דָאס קִינְד וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעשְׁטָארְבְּן".

* * *



אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, מַמָשׁ וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, דֶער אִיד אִיז גֶעקוּמֶען דִינְסְטָאג מִיט זַיין קִינְד וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע בְּכִיוֹת אַז עֶר וֵוייסְט אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רֶענְדְל, אָבֶּער דֶעמָאלְט הָאט מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן.

מְ'הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז מִיט דֶעם רֶענְדְל פְלֶעגְט עֶר מַאכְט אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ מַמְתִּיק צוּ זַיין דִי דִינִים פוּן דֶעם אִיד, אַז דָאס קִינְד זָאל זִיךְ הַאלְטְן בַּיים לֶעבְּן. וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער אוֹיפְגֶעהֶערְט גֶעבְּן דֶעם רֶענְדְל הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט דִי דִינִים אוֹיף אִים, בִּיז וֶוען דָאס קִינְד אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק. וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, וָואלְט דָאס קִינְד גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן.

פוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער צַדִיק רֶבִּי יוּדְל ז"ל גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעוִויזְן וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין וֶועג, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ שְׁטֵייגְן גָאר הוֹיךְ אִין עֲבוֹדַת ה', מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת. עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת אוּן מִיט הֵיילִיגֶע יִחוּדִים.

אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ נֶעם זִיךְ אוֹיס מִיט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין קַיין חָסִיד". אוּן עֶר הָאט אִים עֶרְקְלֶערְט אַז מֵיינְט צוּ זָאגְן דָאס וָואס חֲסִידִים זֶענֶען אַסַאךְ פַארְנוּמֶען מִיט הֲכָנוֹת אוּן נְקִיוֹת, צוּ טְרִינְקֶען קַאוֶוע אוּן טֵיי אִינְדֶערְפְרִי, אוּן צוּ רֵייכֶערְן, וָואס רֶבִּי יוּדְל ז"ל פְלֶעגְט זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דִי סָארְט זַאכְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין אִים זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוּן אֱמֶת'עֶ עֵצוֹת, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פַּשְׁטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן זִיךְ צוּצוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת וִוי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אוּן דַוְקָא מִיט דֶעם פָּשׁוּטְן וֶועג קֶען מֶען שְׁטֵייגְן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, צוּ זַיין אֱמֶת'דִיג דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סְ'זָאל אִים שַׁיינֶען פַאר דִי אוֹיגְן אַלֶע הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים, אוּן אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט אַסַאךְ פוּן זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע מַדְרֵיגוֹת.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן פַאר אִים, אוּן אִים דֶערְצֵיילְט וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ עֶר אִיז אִין צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע תַּאֲוֹות. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אַז אַזַא יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ - וִוי דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען - זָאל זוֹכֶה זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אִינְגַאנְצְן צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי תַּאֲוֹות, אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט פַארְהַאן.

כָאטְשׁ וָואס סְ'זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִיקִים וָואס זֶענֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעטוּן פוּן אַלֶע סָארְט תַּאֲוֹות, זֵיי זֶענֶען אָבֶּער נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם גֶענְצְלִיךְ נָאר עֶרְשְׁט אִין זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעכַאפְּט עֶטְלִיכֶע בַּיישְׁפִּילְן פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וֵוייסְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע תַּאֲוֹות, נָאר עֶרְשְׁט וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן עֶלְטֶער, "אָבֶּער אַזַא יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ וִוי אִיךְ, וָואס אִיךְ הָאבּ אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן אַלֶע תַּאֲוֹות, מַמָשׁ אִין דִי גָאר יוּנְגֶע יָארְן, אִיז בִּכְלַל נִישְׁט פַארְהַאן" - הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט וִוי וַוייט עֶר אִיז פוּן יֶעדֶע סָארְט תַּאֲוָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# איין פאון קאלל




ישראל דוד העסקעל

**שטייען** ס'איז שוין א מאוומענט, יעדער נעמט א חלק, מ'קען זיך שוין נישט ארויסדרייען, ס'איז חוק ולא יעבור פאר אינג און אלט אייניג. ביי געוויסע שפירט שוין לײדער ווי ס'איז כלו כל הקיצין, מ'קען עס שוין נישט אויסהאלטן, וואס גייט זיין דא? ס'רוקט זיך נישט אין ערגעץ, וואס א יאר גייט פארביי ווערט די צרה נאך גרעסער וואס וועט דא זיין???

מ'מוז מאכן א מאוומענט או וועירנעס מ'מוז אויפשאקלען די וועלט מ'דארף א גרונטליכע פלאן ווי אזוי דאס בייצוקומען און ענדיגן די צרה צרורה איין מאל פאר אלעמאל!

וואס רעדסטו וועגן? וואס קאכסטו שוין ווייטער? וואס איז יעצט געשען?

שידוכים!!!!!

די גאר ציפעדיגע שרעקעדיגע ווארט וואס געבט געוויסע עלטערן בייזע קאשמארן ביינאכט און לאזט זיי נישט שלאפן... בחורים און מיידלעך דרייען זיך ארום אנגעצויגן און פאר'דאגה'ט וואס וועט דא זיין?



ווער קען אויפקומען מיט סעלושענס?

ווער קען סאלווען דעם פראבלעם?

מ'מוז עפעס איבערדרייען און מאכן א סוף!

ס'איז שוין דא אינטערוויוס, פאדקעסטס, שמועסן, מעשיות און סגולות. וואס דו ווילסט, אלע מיני עצות האט מען שוין אויספרובירט צו סאלווען דעם אויסטערלישן פראבלעם אבער דערוויילע שטייען מיר נאך מיטן פעקל...

מ'טאר נישט זיין פיקי!

איך וויל נישט קיין גארבידש זאל זיין וואס זאל זיין!

אונז סקיפן נישט!



געמיך עעעניטינג ס'גייט מיך שוין נישט אן אבי צו חתונה האבן!

מיין זוהן איז נאכנישט גרייט!

און נאך טויזנט סלאגאנען וואס עלטערן זאגן אלס ווען ס'קומט צו שידוכים.

לעצטע וואך איז געווען חמשה עשר באב א טאג וואס איז מסוגל פאר שידוכים שכוח אייבערשטער פאר די גרויסע חסד אז איך בין א חתן געווארן חמשה עשר באב און ס'הייבט אן ציפן נאכאמאל. בחורים, מיידלעך און עלטערן וואס זענען שוין מיואש וועקן זיך אויף אולי ואולי און דעם גרויסן טאג גייט זיך עפעס געבן א ריר... אפשר דאך גייט שוין קומען די לאנג ערווארטערטע פאון קאלל.

עטליכע אידן וואס זוכן ארויסצוהעלפן דעם בראך זענען אויפגעקומען מיט א מורא'דיגע עצה וואס וועט האפנטליך העלפן אביסל פאר די אלע וואס האבן קינדער זיצן אין שטוב און ס'רוקט זיך נישט קיין שידוכים.

יעדער איינער מאכט איין פאון קאלל אנצוטראגן א שידוך דעם חמשה עשר באב! מ'גייט מאכן א מאוומענט פון דעם. מ'האט עדווערטייזט איבעראל אין אלע היימישע פלעצער, ריזיגע עדס יעדער מאכט א פאון קאלל, טראכט פון דיין חבר דיין שכן דיין קרוב וואס דארף א שידוך און טראג עפעס אן.

לעצטנס איז א חבר צוגעקומען צו מיר און זיך ממש געבעט מיט הייסע טרערן אז ער האט קינדער וואס זיצן אין שטוב אויב קען איך אפשר טראכטן פון עפעס א געדאנק

פון א שידוך פאר זיין זוהן.

איך בין גרייט צו נעמען סיי וואס, איך בין דעספערט, מיין זוהן מוז א חתן ווערן ס'נישט קיין תכלית איך ווייס שוין נישט וואס צו טון איך בעהט וועמען איך קען נאר האמיך אינזין טראכט פון עפעס א שידוך פאר מיין זוהן.

חמשה עשר באב זיץ איך און איך טראכט הלוואי קען איך אנטראגן עפעס א שידוך, "אייבערשטער העלף מיר ס'זאל מיך איינפאלן עפעס אן איידיע וואס איך זאל קענען אנטראגן פאר דעם איד."

אזוי בעטנדיג דעם אייבערשטן פאלט מיר איין אז איך קען טאקע איינער וואס האט א עלטערע טאכטער און ס'שטימט גאנץ

פיין, צוויי שיינע אידן מיט עלטערע קינדער חסידיש אבער נישט אין די באקס... (כ'ווייס אויך נישט פונקטליך וואס ס'מיינט) בקיצור אין מיין קאפ טראכט איך אז ס'קען ארבעטן, ס'קען זיין א שיינע זאך.

איך גיי אין א שטילע זייט איך הייב אן טראכטן אזוי מיטן טעלעפאן אין די האנט וואס גיי איך זאגן? אפשר גייט ער ווערן באליידיגט? אפשר גייט עס אים אזוי געפעלן און ער גייט זאגן אז ער איז שוין גרייט צו גיין ווייטער... ווי אזוי הייבט מען אן? גיי איך מיך יעצט מאכן פאר וועלטס נאר?!

אזוי צומישטערהייט הייב איך אויף דעם טעלעפאן איך דייעל אריין זיין נאמבער און איך הער נישט אויף צו בעטן דעם





אייבערשטן אז אויב איז דאס דער ריכטיגער שידוך זאל איך קענען זיין דער ריכטיגער שליח און אויב נישט זאל עס טאקע גיין פייפן...

ס'קלינגט און קלינגט ענדליך ענטפערט יענער די טעלעפאן - העללא! וואס האב איך דעם כבוד?

יא שלום עליכם וואס מאכט איר איך וועל גיין דירעקט צום פוינט ס'איז מיר איינגעפאלן עפעס א געדאנק פאר אייער טאכטער איך ווייס נישט אויב ס'איז ממש וואס איר זוכט, צו מיר טראכט איך אז עס קען זיין זייער פאסיג...

נא אדרבה לאמיר הערן וואס האט איר געטראכט?

איר קענט דעם און דעם? איך האב געטראכט אז ער קען זיין גאנץ פאסיג פאר אייער טאכטער! איר ווייסט דאך ער איז אן ערליכער איר קענט אים טרעפן אלע דריי תפילות אין שוהל דאווענען ער איז א פרייליכער און ער איז אויך גאנץ א געלונגענער ער האט א פיינע ביזנעס און אזוי ווייטער...

יענער הייבט אן לאכן... אים? אים? טראגסטו מיר אן? ביסטו אויפן קאפ געפאלן? האסטו בכלל געטראכט פארן מיך קאלן? באמת? אים? וואס איז מיט דיר געשען?

יא אמת ער לייגט תפילין און ער דאווענט ער איז טאקע א פיינער ביזנעס מאן מיט אלעס, אבער ער איז מיסודו א לאָזער אבער נישט סתם פון אלס קינד געדענק איך אים נאך א מין לאָזער שאין כדוגמתו...

אקעי... אנטשולדיגט (דא האב איך זיך געדארפט איינהאלטן מיט אייזערנע קייטן אים נישט צו ענטפערן "און וואס זענט איר? און וואס איז אייער טאכטער?...") אפשר קענט איר מיר זאגן וואס איר זוכט וועל איך טראכטן אויב עס קען מיר אפשר איינפאלן עפעס א פרישע געדאנק.

יא זיכער! וואס איך זוך איז אזוי... קודם כל אלעס פון יענעם וואס דו האסט געוואלט אנטראגן זאלסטו מיר נישט אנטראגן...

נו, תכלית?

מיין טאכטער איז זייער א געלונגענע מיידל, איך דארף איינער וואס איז געלונגען, איינער וואס זי וועט קענען ארויפקוקן, א בעל נפש (איך ווייס אויך נישט וואס דאס מיינט...) און פארשטייט זיך איינער וואס האט עפעס צו זיך פון א שיינע משפחה, בקיצור איך מיין אז דו פארשטייסט מער ווייניגער וואס איך זוך.... שכח פארן פרובירן מיר וועלן זיין בקשר, כל טוב.

איך לייג אראפ די טעלעפאן און איך ווייס נישט, זאל איך לאכן אדער וויינען? וואס איז די מעשה מיט יענעם? אזוי אן טראכטן אפילו א סעקונדע אן געבן א ברעקעלע מחשבה געגעבן א זאג ניין און אראפ פון טיש! זיין טאכטער עלטערט זיך שוין אין פריידן ווי איז די שכל?

וואס קען מען טון אז נישט יעדער הערט די דרשות פונעם ראש ישיבה וואס זאגט שטענדיג אז מען זאל נישט אפזאגן קיין איין שידוך, און אז די עיקר וואס מען דארף קוקן איז אויב די בחור/מיידל האט גוטע מידות, און נישט אויב די משפחה נאמען שטימט מיט מיר.

דאס איז ליידער א חלק פון די גלות אז מען איז פארנומען מיט חיצונות'דיגע זאכן, מען טראכט וואס יענער וועט טראכטן אויף מיר. א נס האב איך אז איך בין געווארן געוואוירן פון דעם געשמאקן פלאץ היכל הקודש וואס לערנט מיר אויס צו לעבן און געפעלן נאר דעם אייבערשטן, אויף אזוי ווייט אז מיינע שכנים אנערקענען דאס שוין אויך.

הער א מעשה וואס איך האב געהאט.

איך קום אהיים, מיין קאפ דרייט זיך, מיין זוהן קומט צו לויפן און וויינט צו מיר אז די לופט פון זיין באָלי איז ארויס... זאג איך אים גיי צום שכן און פרעג זיי אויב זיי האבן א פאָמפּ.

ער קומט צוריק מיט א שמייכל די שכן'ס אינגעלע האט געעפנט די טיר און איך האב אים געפרעגט אויב זיי האבן א פאָמפּ וואס מיר קענען בארגן, האט ער געענטפערט ניין - מיר האבן נישט, אבער ענק זענען ברסלב'ע, ענק האבן שוין אלעס!

מיין פינף יעריגע זוהן זאגט עס איבער צומישטערהייט אבער אוי האט עס מיר געגעבן א קיצל! יא די שכן'ס קינדער ווייסן אז וויל מיר האבן אזעלכע גוטע לימודים אויפן לעבן פון אונזערע צדיקים האבן מיר אלעס!

# סימן טוב ומזל טוב

פון טיפן הארצן טוהן מיר וואונטשן

א הערצליכן מזל טוב

פאר אונזער חשובער

# ראש ישיבה שליט"א

צו די געבורט פון א אייניקל

ביי זיין חשובע איידעם

**מו"ה נתנאל פארקאש נ"י**

**בן מו"ה יואל פארקאש שליט"א**

**בן מו"ה אברהם חיים**

**פארקאש שליט"א**

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה און
די זיידעס שליט"א זאל זעהן אסאך נחת פון אלע
קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט, און האבן כח
אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט פון פארשפרייטן דעם
אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט, אמן.

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*







Looking for a babysitter Monday's and Thursday's from 10:00 - 3:00 for an adorable 1 year old boy.

Pleass call and leave a message

**845-693-4274**

בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES
Kbbsbookeeping@gmail.com
1-845-293-7667

**Did you open a new business?**
**Is your business not running properly?**
**Do it the RIGHT way!**

- QuickBooks Setup
- Account Receivable
- Accounts Payable
- Sales Tax
- Daily Cash Management
- Collections

Electrolysis, Tinting, Waxing.

Coming down to your colony.
Conditions comply.

For appointment call
A. Appeldorfer
845-537-9681

ברסלב

שטיצט ברסלב

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

Linen Boutique
Linen • Towels • Tablecloths

**Full line of fine quality Linen, Towels and Tablecloths**

**Our satisfied customers**
is our brand

Please contact **Breindy Tyrnauer**
**347-228-2931**
75 Twin Bridge Rd. • Liberty NY 12754

**B&H**
**DRY GOODS**

**1619 NY-52**
**LIBERTY, NY 12754**
**BACK ENTRANCE**

**845.320.3332**

א אינגערמאן זוכט אײנער וואס זאל ארויסהעלפן באצאלן זיין טיקעט קיין אומאן.

רופט בנציון יאקאבאוויטש

347-585-9054

## השבת אבידה שטיבל

אלע פארלוירענע חפצים קען מען טרעפן אין השבת אבידה שטיבל.

אזוי אויך אויב טרעפט איר א חפץ, ביטע ברענגט עס אריבער און זייט מקיים מצות השבת אבידה

די נומבער ארייצוריפן איז
845-243-0604



**שיינע פריוואטע 1 בעדרום דירה אויף האשקי צו פארדינגען פאר א שבת, אדער פאר א וואך.**

**צו באשטעלן רופט**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**845-492-0566**

קרית
# ברסלב
בלעטל

# קינדער אפטיילונג
פרשת שופטים

## חידות
אפטיילונג

**ווען מ'האט געזאגט פארן רבי'ן אז אנדערע צדיקים זאגן נישט מ'זאל קומען צו זיי אויף ראש השנה, האט דער רבי געזאגט**

א. ס'איז דא געציילטע וואס זאגן יא אזוי
ב. אויב אזוי דארף מען נישט קומען
ג. נו, וועט זיין נאך א קשיא אויף מיר
ד. זיי האבן זיך זייערע דרכים

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט געזאגט: ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון **אלעס!**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**ישראל יוסף אינדיג נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף
די ווערטער

איך האב זייער הנאה אז דו קומסט יעדן טאג לערנען דעם שיעור גמרא.

זיי שטארק מיט תפילה והתבודדות, שמועס זיך אויס דאס הארץ פארן אייבערשטן; **דער אייבערשטער האט ליב ווען מען רעדט מיט אים,** ווען מען שמועסט מיט אים און ווען מען בעט אים.

*(עצות אמונה פרשת ויקהל תשפ"ב)*

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ת | ס | ו | ב | צ | נ | נ | א | ח | י | ח | ט | ז | ל | צ |
| מ | פ | י | ה | ס | א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | ע | ר |
| מ | ל | י | מ | ת | ת | ת | מ | נ | ד | ק | ט | א | צ | ת |
| מ | י | ט | ל | ר | ב | י | ה | נ | א | ה | ק | ה | פ | ד |
| א | ו | נ | ע | ה | ג | ו | ג | י | ס | ר | ל | נ | מ | צ |
| ק | ח | ד | ט | ל | ש | פ | ד | ע | ש | ק | ע | ס | ז | ז |
| פ | ש | א | ק | ו | י | א | ק | ד | מ | ו | ד | כ | א | נ |
| ר | נ | י | ב | ק | ע | ר | ו | נ | ו | ל | ע | ר | ל | ע |
| י | מ | י | ט | ט | ו | נ | מ | י | ע | ת | מ | פ | ס | מ |
| ק | ק | ב | ג | צ | ר | ה | ח | י | ס | ג | ז | ז | ש | ק |
| ז | ד | ע | ק | נ | ר | ס | ר | ב | ט | ת | מ | י | ב | ו |
| צ | ק | ר | י | מ | מ | נ | ח | ד | ט | י | ת | י | כ | מ |
| ש | א | ש | ח | י | ל | צ | ז | כ | ש | מ | ו | ע | ס | ס |
| ש | ש | ט | א | ט | י | צ | ג | ד | ח | ו | צ | ל | ל | ט |
| ל | ט | נ | מ | ר | א | ה | ר | ח | נ | ת | ו | ל | ו | ג |
| ע | ע | א | ה | ס | י | א | כ | ע | צ | ו | נ | ב | ח | כ |
| ר | ה | א | ר | צ | מ | ב | ו | מ | ד | נ | ה | א | ט | ז |
| נ | א | ק | ס | ק | צ | ו | נ | ב | ע | ט | ט | צ | ע | ג |
| ע | י | ת | פ | ה | ח | ת | ז | מ | מ | נ | ב | ב | א | ג |
| נ | כ | ג | כ | ק | ש | ז | י | י | ע | ר | ק | ט | ג | כ |

## טרעף די וועג

כאפ ציך אריבער צום רבי'ן אויף ראש השנה



## שטיקעלע ספר המדות

### הַכְנָסַת אוֹרְחִים
חֵלֶק שֵׁנִי

**ג. עַל יְדֵי קְדֻשַּׁת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הַהִתְנַשְּׂאוּת שֶׁל רָאשֵׁי הַדּוֹר בְּתֹקֶף וָעֹז, וְעַל יְדֵי זֶה נֶחְשָׁב בְּעֵינֵי כֹּל הַמִּצְוָה שֶׁל הַכְנָסַת אוֹרְחִים, וְעַל יְדֵי זֶה הַלּוֹמְדִים זוֹכִים שֶׁהֲלָכָה כְּמוֹתָם.**

דוּרְכְ'ן הֵיילִיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, וֶוערְט בַּאפֶעסְטִיגְט דִי הֶערְשַׁאפְט פוּן דִי פִירֶערְס פוּנֶעם דוֹר צוּ קֶענֶען פִירְן דֶעם דוֹר מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אוּן דָאס מַאכְט אַז יֶעדֶער זָאל שֶׁעצְן אוּן הַאלְטְן חָשׁוּב דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט צוּ אַז דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זָאלְן זוֹכֶה זַיין מֶען זָאל פַּסְקְ'עֶנֶען דִי הֲלָכָה אַזוֹי וִוי זֵיי.

## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?




### ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "ווער עס האט געטרינקען אונגארישע וויין, קען מען שוין נישט אפנארן!""

# קינדער טאלאנט



אליער שלמה און נחמן יואל
וועבערמאן נ"י - קרית ברסלב
געבויעט פליגערס קיין אומאן



אליער שלמה נ"י
קרית ברסלב



יואליש און עמרם ראטה נ"י
- קרית ברסלב
געבויעט א פארקינג לאט



משפחת פוקס - קרית ברסלב
געבויעט א סוכה



פייגי לאנדא תחי'
קרית ברסלב

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

רוחמה פייגא פערל תחי׳ - בית פיגא ירושלים פארציילט:



איך האב
געכאפט א
טיפע שניט
פון א קען



באשעפער
העלף מען זאל
נישט דארפן
מאכן קיין
סטיטשעס,
און איך
זאל ווייטער
קענען שרייבן



שכח
אייבערשטער
מען האט
נישט געמאכט
סטיטשעס און
איך קען גוט
שרייבן

רבקה לויעזון תחי׳ - בית פיגא ירושלים פארציילט:



שכח
אייבערשטער
פאר אזא
פיינע זומער



באשעפער
העלף איך זאל
קענען פארן
צום ים

שכח אייבערשטער איך בין
געפארן צום ים, און עס איז
געווען א מחי׳



# בילדער
## אפטיילונג






שיפמענט פון ספר עצתו אמונה חלק ז' אנגעקומען ביים בית הדפוס







דער ראש ישיבה באזוכט ביים בנין פונעם נייעם פירנוטשער געשעפט אין שטעטל - ב' ראה




דער ראש ישיבה באזוכט ביי די נייע הייזער אויף די בארדיטשוב גאס - ב' ראה ת




דער ראש ישיבה באזוכט ביים נייעם בית המדרש אויף בארדיטשוב גאס - ב' ראה



קרעדיט: שלמה יאקאבאוויטש

מיטינג מיט אלע גבאי היכל הקודש - ג׳ ראה



קרעדיט: שמעי׳ וואקס

שיעור דף גמרא אין בית המדרש היכל הקודש טברי׳



קרעדיט: משה ראזענבערג

תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים ביי קריאת שמע
ליינען לבן מו״ה משה ראזענבערג הי״ו



קרעדיט: שמעי׳ וואקס

ברית אין היכל הקודש ירושלים פון הילד יוסף שלמה נ״י
בן מו״ה משה ראזענבערג הי״ו - ד׳ ראה



קרעדיט: נפתלי זאבעל

תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל באזוכט ביי הרה״ח
ר׳ יחזקאל גליק שליט״א, וואס ענדיגט ש״ס יעדעס יאר



קרעדיט: אייזיק ראטה

אין א שמועס מיט אנשי שלומינו ביים ארויסקומען פון גן
עדן התחתון



קרעדיט: אייזיק ראטה

סיום מסכת גיטין אין גן עדן התחתון - א׳ שופטים





מסיבה פארן בית התבשיל קרית ברסלב - א׳ שופטים



אילן החיים קאנטרי פונדערהייער



מען פלאסטערט אויס ארום דעם נייעם וואכן שול צו
קענען אהערשטעלן אסאך פארקינג

# ראש השנה
# אומאן
## תשפ"ד

**באקוועם | אויסגערוהט | עלעגאנט | היימיש**




## פלען איט רייט

### טשארטער 1:
**ארויס:** מאנטאג, כ"ה אלול
LEAVES: SEP 11, 10:30 PM | ARRIVES: 1:30 PM
**צוריק:** מאנטאג, צום גדליי
LEAVES: SEP 18, 5:45 PM | ARRIVES: 9:45 PM

### טשארטער 2:
**ארויס:** דינסטאג כ"ו אלול
LEAVES: SEP 12, 10:55 PM | ARRIVES: 1:45 PM
**צוריק:** מאנטאג, צום גדליי
LEAVES: SEP 18, 1:45 PM | ARRIVES: 5:45 PM

**באקוועמע פליגער**
**עטה"ק**

היימישע געשמאקע
מאכלים א גאנצע וועג

**פרייז רעכנט אריין**
**אלע אינערליכע**
**רייזעס ביז עיה"ק**
**אומאן, מיט די**
**פריוואטע פלען**
**איט רייט באנען**

# טשארטערס
קיין
רייזע
פוילין

**ECONOMY: CHARTER 1:** WAITING LIST ONLY **$2800 | CHARTER 2: $2800**
**$4500 PREMIUM ECONOMY | $7550 BUSINESS**

**אלע טיקעטס**
**מוזן זיין פולקאם**
**אויסגעצאלט ביז**
**ראש חודש אלול**
**שפעטער פון דעם, טוט**
**איר פארלירן אייער**
**טיקעט**

כאפט אייך מיט אויף איינע פון אונזערע **22 גרופ-טיקעטס**
צו פילע דעסטענאציעס ארום אוקריינא,
לויט אייער באקוועמליכקייט (רומעניא - קישענעוו - פוילין)

פרייזן
אנגעהויבן
פון $899



## פלען איט רייט
## טשארטער באן
### פשעמישל-פוילין קיין אוקראיינע

**טשארטער באַן 1:**
**ארויס:** דינסטאג
**צוריק:** מוצאי יו"ט

**טשארטער באַן 2:**
**ארויס:** מיטוואך
**צוריק:** מוצאי יו"ט

**באקוועמע באנען**
**עטה"ק**

היימישע געשמאקע
מאכלים א גאנצע וועג

**ארייגערעכנט די רייזעס**
**פונעם באן ביז אומאן**

די שנעלסטע און
גרינגסטע וועג אריבער
צו גיין די גרעניץ

**פרייז: $595**

היות מיר וועלן הערשט
באשטעטיגן חודש אלול די
גענויע באנען צייטן

**דעריבער**
**וועלן מיר נאר**
**פארקויפן**
**פריוואטע**
**באנען-**
**טיקעטס פון**
**ר"ח אלול**

**Plan it Rite**
**845.678.3555**
www.planitrite.com

## קיין אומאן פארט מען מיט פלען איט רייט

דער רבי זאגט: "איך זארג פאר ענקער שפעזן, די וועג צו מיר און די וועג אהיים"
(עצתו אמונה ואתחנן תשפ"א)

קהל היכל הקודש קרית ברסלב

# שטאטישע פראגראמען

מיר ווילן בעטן אלע משפחות אין שטעטל וואס נעמען שטאטישע פראגראמען, אז עס איז זייער וויכטיג מען זאל איבערגיין מיט אונזער חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו פארן ארײנשיקן די פאפירן צו די שטאט, (אפילו איר שפירט אז איר ווייסט פונקטליך וואס צו שרייבן) כדי צו פארמיידן פראבלעמען וואס האט זיך שוין ליידער געמאכט אינעם עבר.

לעצטענס הערט מען גאר אסאך מעשיות פון מענטשן אין ליבערטי וואס ווערן ארעסטירט צוליב דעם וואס זיי האבן גענומען שטאטישע פראגראמען אויף די נישט ריכטיגע וועג, צוליב דעם איז זייער וויכטיג איבערצוגיין פאר מען שיקט ארויס די פאפירן צו די באאמטע.

פאר אלע שאלות וואס מאכט זיך נאר, קענט איר שטענדיג זיך מעלדן צו מו"ה מרדכי אהרן הי"ו.



# IN AN ACCIDENT?

**CALL THE EXPERT**

mint COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי' לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

דעם רבינ'ס שול
ביהמ"ד היכל הקודש אומאן

# בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפוויקלען פאר אלע אנשי שלומינו די גוטע בשורה, אז מיר שטייען יעצט בעפארן לייגן דעם גרונדשטיין פאר א שפאגל נייעם בנין בית המדרש היכל הקודש אין אומאן, וואס וועט בעזרת השם יתברך דינען פאר א צענטער פאר תלמידי היכל הקודש דורכאויס די טעג פון ראש השנה.

אינעם יעצטיגן מאמענט האלטן מיר ביים אויסארבעטן די פלענער פארן ריזיגן בנין; וואס עס וועט אלץ אנטהאלטן און ווי אזוי עס וועט זיין דאס בעסטע און פראקטישסטע אויסגעשטעלט פאר די באקוועמליכקייט פון אנשי שלומינו.

צו מאכן זיכער אז אלע פלענער זענען טאקע דאס פראקטישסטע און געשמאקסטע וואס שייך, מאכן מיר אסאך תפילות אז דאס זאל זיך אויסארבעטן על צד היותר טוב. אויך זיצן מיר מיט די גרעסטע ארכיטעקטן אינעם פעלד פון בויען בתי מדרשים, וואס זיי פארשטייען גוט ווי אזוי אהערצושטעלן א בנין בית המדרש אז עס זאל זיין פראקטיש, באקוועם, שיין און מאיעסטעטיש, אזוי ווי עס פאסט זיך פארן "רבי'נס שול".

ווי מען האלט יעצט איז די פלאן צו בויען בעזרת השם יתברך א ריזיגע שיינע היכל בית המדרש מיט א גאלערי, אז עס זאל זיין באקוועם און קענען אקאמאדירן די פילע תלמידים פון דער ראש ישיבה, און אויך די נייע פרישע מקורבים וואס מערן זיך יעדעס יאר בלי עין הרע.

אזוי אויך איז דא א רעדע פון מאכן א חדר פאר די פאר טעג וואס מיר ווילן אין אומאן. היות אנשי שלומינו ברענגען מיט די קינדער ווי דער רבי האט געהייסן מען זאל קומען מיט די קינדער, וויל מען אוועקשטעלן א חדר, וואס זאל זיין באקוועם און שיין צוגעשטעלט פאר די מלמדים און די קינדער, אז די מלמדים זאלן קענען טון זייער עבודת הקודש אומגעשטערט, מיט הרחבת הדעת, און גלייכצייטיג זאל עס אויך זיין געשמאק און באקוועם פאר די קינדער.

אזוי אויך באטראכט די הנהלה פארשידענע אפציעס איבער צולייגן וואכנדיגע מנינים שטיבלעך, פאר די באקוועמליכקייט פון אנשי שלומינו, היות די ציבור האלט זיך אין איין פארגרעסערן כן ירבו, קומט שוין אויס אז עס שטעלן זיך כסדר מנינים לתפילה אין די וואכן טעג, און דערפאר פעלט זיך אויס צו האבן שטיבלעך אז די מנינים זאלן קענען אנגיין באקוועמערהייט.

אין די יעצטיגע טעג טוט מען אדורך די פלענער וויאזוי מען קען אויסנוצן דעם גרויסן שטח צו קענען אקאמאדירן די מאקסימום זיץ פלעצער אין בית המדרש, און אזוי אויך אלע אנדערע איינצעלהייטן, ווי די בתי כבוד און סינקס ברווח, און אזוי ווייטער.

מיר האפן און בעטן דעם אייבערשטן אז אלע פלענער זאלן זיך טאקע אויסארבעטן, און אז דער בנין זאל טאקע זיין א פראכט פון א בית המדרש אזוי ווי עס פאסט פארן "רבי'נס שול".

מיר וועלן מיטן אייבערשטנ'ס הילף כסדר מודיע זיין און האלטן אינפארמירט אנשי שלומינו מיט די לעצטע אפדעיטס און ווייטערדיגע פלענער פארן גרויסן בנין "דעם רבי'נס שול".

גדול יהיה כבוד הבית הזה



מיין שותפות
אינעם רבינ'ס שול